Bloštejn

דער

# קארסעט.

איינע הומאריסטישע ערצאהלונג

פון

ע. ב.

---

## ווילנא

שנת תרנ"ד לפ"ק

---

**КОРСЕТЪ.**

Юмористическій Разсказъ. А. Блоштейна.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ
переулкѣ д. № 1195/6 1894 г.

Дозволено цензурою 2 Іюня 1894 г. Вильна.

# 1.

אויף דער גרויסער גאס, וואס פיהרט צום מארקט פלאטץ אין דער שטאדט וו., שטעהען צווייא הייזער, וועלכע זיינען פאר דעם פארביי געהענדען זעהר אויפפאללענד. איינע איז איין שטיינערנעס הויז א צוויי שטאקינעס, און דיא אנדערע איז אקליין האלצערנעס שטיבל, איין אלטעס, האלט ביין איינפאללען; דיא צווייא פענסטער, וועלכע זיינען צום גאס, זיינען זעהר נידריג, כמעט גלייך מיט דעם טראטואר; דיא שויבען זיינען אויס געבראכענע, פערלאטעטע. פון דיא צווייא הייזער קען מען שליסען אויף זייערע בעזיטצער: דער בעזיטצער פון דעם מויער איז רייך, אדער, וויא מען זאגט, תקיף אין מעמד, און דער פון דעם קליינשטיבל איז ארעם. נאר אזעלכע הייזער, וואס זיינען זיך דער קאנטראסט פון זייערע שכנותע הייזער, זעהט מען איבעראלל און אין יעדער שטאדט, און דאס איז ניט פון דיא זעלטענע זאכען, — טא וואס האבען מיר זיך גראד אבגעשטעללט נעבען דיזע צווייא הייזער? מיר קענען געהען ווייטער. ניין, מיין ליבער לעזער, אויב דוא ביזט נייגיריג... נאר אויב דוא ביזט אלעזערין, ביזטו דאך געווים נייגיריג, טא לאמיר זיך דא אבשטעללען נעבען דיזע צווייא הייזער און לאמיר אקוק טאן אינווייניג. אין דעם קליינען הייזעל זיינען דיא שויבען אויס-געבראכען, און אין דעם מויער שטעהען דיא פענסטער אפען. עס איז מייא מאנאט, דאס וועטטער איז הערליך שיין, דיא

לוֹפְט וַוארֶעם אוּנ עֶרְקְוִויקֶענְד . אַמֶערְקְוִוירְדִיגֶע זַאךְ ! אִין דִּיא בֵּיידֶע פֶענְסטֶער זֶעהֶען מִיר פְרַיילֵיינְס , אֵיינֶע אִין דֶעם רַייכֶען הויז אִיז פֶערְוַויינְט , פֶערְקְלָאגְט , זֶעהר אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּן פֶערְדְרוּס ; אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע אִין דֶעם אָרְמֶען הַייזֶעל אִיז גְרָאד מוּנְטֶער , פְרֵיילִיךְ בַּייא זִיךְ . אַוואוּנְדֶער , חָלֶעבֶען ! דַאכְט זִיךְ נָאךְ מַיין שֵׂכֶל נָאךְ קוּמְט אוֹים . . ; אוּנ נָאךְ דַיין שֵׂכֶל נָאךְ אוֹיךְ גֶעוִויס , מַיין לִיבֶּער לֶעזֶער , אַז דִיא רַייכֶע דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אוּנ דִיא אָרְמֶע אוּנְמוּטְהִיג . מֶערְקְוִוירְדִיג ! דָאס רֵייצְט זֶעהר דִיא נַייגִירְדֶע . לָאמִיר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְלֶען דָא צְווִישֶׁען בֵּיידֶע הַייזֶער ; פוּן מוֹיֶער וֶועלֶען זַייא אוּנְז נִיט זֶעהֶען , וַוייל דִיא פֶענְסְטֶער זַיינֶען צוּ הוֹיךְ , אוּנ פוּן דֶער שְׁטִיבְּל , וַוייל דִיא פֶענְסְטֶער זַיינֶען צוּ נִידְרִיג ; זָא וֶועלְלֶען זַייא אוּנְז בֵּיידֶע נִיט בֶּעמֶערְקֶען . עֶס פַּאסְט אֲפִילוּ זֶעהר נִיט צוּ שְׁטֶעהֶען הִינְטֶער דִיא מְחִירֶען אוּנ אוּנְטֶער דִי פֶענְסְטֶער צוּ הֶערֶען פְרֶעמְדֶע סוֹדוֹת , — נָאר אַפֶען גַאס , מַיין אִיךְ , מֶעג מֶען ; דֶען דִיא גַאס אִיז דָאךְ פַאר אַלְלֶעמֶען . וַוייטֶער אוֹיבּ זַייא ווִילֶען נִיט , מִיר זָאלֶען צוּ הֶערֶען , לָאזֶען זַייא צוּ מַאכֶען דִיא פֶענְסְטֶער ; חַיינְט אַז זַייא הַאלְטֶען אָפֶען , אַרְט זַייא דָאךְ נִיט , אַז מֶען וֶועט הֶערֶען אוֹיךְ .

לָאמִיר אַקוּק טָאן וִויא זַייא זֶעהֶען אוֹים אוּנ נָאכְדֶעם זִיךְ אַיינְהָארְכֶען , וָואס זַייא רֵיידֶען .

דָאס מֶאדְכֶען פוּן דֶעם אָרְמֶען הַייזֶעל אִיז רֵייצֶענְד שֵׁיין , וִויא מֶען זָאגְט , בְּלוּט אוּנ מִילְךְ , אַוַייסֶעם גֶעזִיכְט מִיט לַאנְגֶע שְׁוַוארְצֶע לָאקֶען ; זִיא אִיז אָנְגֶעצוֹיגֶען אַיין אַיינְפַאכֶעם קְלֵייד , אָבֶּער זֶעהר רֵיינְלִיךְ אוּנ מִיט גֶעשְׁמַאק . זִיא זִיצְט פְּרָאפִיל , אִיהרֶע אוֹיגֶען זַיינֶען גֶערִיכְטֶעט אִין דָאס אִינֶערֶע פוּן הויז אוּנ הַאלְט אִין רֵיידֶען מִיט אִימִיצֶען .

— אִיךְ וֶועל דִיא גֶעלְד נִיט נֶעהמֶען , מַאמֶע ; דוּא דַארְפְט הָאבֶּען דִיא גֶעלְד אוֹיף דֶער הוֹצָאָה .

— וָואס רֶעדְסְטוּ , מַיין טָאכְטֶער ! עֶנְטְפֶערְט יֶענֶע . דוּא

(דער קארמעט) האסט

האסט פארגעסען , וואס דער קוזין האט דיר געשריבען ? דוא מוזט דאך איהם נעהמען ענטגעגען אפען וואגזאל , איהם איבער נעהמען ; זא מוזט דאך זיין אנשטענדיג אנגעצאגען , וויא עס געהערט צו זיין . ער איז דאך איין עלעגאנטער ה ר א נ קומט פון בערלין , אקליינינגקייט ! פאלג מיר , מיין טאכטער , נעהם דיא אכט רובל מיט דעם סאמאוואר , טראג אוועק צום מלוה אונ נעהם ביא איהם ארויס דיין נייעם קלייד ; וואס דוא האסט ביא איהם פערזעצט פאר פסח .

מאמע , איך בעט דיך , דוא זאלסט דאס פון מיר ניט פערלאנגען . דיא אכט רובל מוזען מיר האבען אויף דער הוצאה ; איך וועל אזוי גיך ניט קריגען קיין אנדערע געלד . איצטער איז נאך פסח , מיינע קונדען זייגען גיט פון רייכען קלאס ; יעדער איז פעראיינגט . נו , אונ דעם סאמאוואר אוועק געבען פון שטוב קען איך אויך ניט ; דוא ביזט ניט אין גאנצען געזונד ; דוא מוזט האבען דיין גלעזעל טהייא צו דער צייט .

— גאט מיין גאט ! זאגט דיא מוטטער ; דוא מוזט דאך אבער סאלאמאן ענטגעגען געהען . ער וועט נאך אריין קומען צו אונז אין שטוב ; דען ער קרובעט זיך מיט אונז , גאר וויא איין נאענטער פריינד , — מוזט דוא דאך זיין אנשטענדיג אנגעצויגען . . עס איז דאך ניט קיין גלייכווערטל אזא מענש !

— איך דארף זיך פאר איהם ניט פוטצען . אט וויא איך בין יעטצט אנגעצויגען , וועל איך איהם געהען ענטגעגען , אונ גענוג . וועל איך איהם ניט געפעללען זיין , טא זאל ער זיך אב זאגען פון קרובות שאפט הע הע !

— דוא רעדסט גאר , וויא אקינד , דבורה . . . איונגע־מענש איז ער . ער דארף דאך טאן אשידוך . . . אקשיה אויף אמעשה ! אפשר געפעלסט דוא איהם אונ ע ע ע . . .

— שווייג בעסער , מאמע ! זאגט דבורה שמייכלענדיג ; דוא ביזט צוא ווייט אוועק מיט דיין פאנטאזיע : סאלאמאן וועט מיר

נעהמען! . . . אנייער אבקלער! איהם גיט מען פינף טויזענד רובל נדן; דען ער איז אליין אויך רייך און דער אנקעל איז אגביר . . . און איך האב אקאפייקע ניט.

— דוא ביזט דאך אבער זיינע אקוזינע . . . אגלייכער יחוס . . . אשיינע מיידעל ביזטו און אגערעטעניש . . . פאר וואס ניט? עס קען גרייליך זיין.

— ניין ניין, איך בין פאר איהם קיין פארטיע ניט. איך האב קיין געלד און איך דארף וועגען דעם ניט טראכטען. מיט שיינקייט אליין און מיט געראטענקייט מאכט מען גאר ניסט. און אויב ער וועט יע מיך וועללען, חאטש דאס איז אמשוגענקייט גאר צו טראכטען וועגען דעם — וועל איך איהם געפעללען זיין אט אזוי וויא איך בין. קליידער מאכען גאר ניסט; אמענש דארף נאר זיין ריינליך אנגעצאגען . . . מיט צירונג און מיט דיא נייעסטע מאדעס מאכט מען ניסט, ווען מען איז אליין קיין מענש ניט.

— זעה, מיין טאכטער . . .

— הער אויף, מאמע; לאמיר דיא פוסטע רייד לייגען אן אזייט. מיין איינציגע זארג איז נאר פאר אייך. קיין פאטער האב איך ניט; ווער עס זאל זארגען פאר אייך איז ניטא. איך מיט מיינע פינף פינגער דארף אויפהארעווען פאר אלעמען דיא שטיקל ברויט. געלויבט איז גאטט, וואס איך קען וואס עס איז פארדינען. דוא מוטטער מיט מיינע צוויא קליינע ברידער איהר זייט מיינע איינציגע זארג, — און וועגען הייראטהען טראכט איך גאר ניט.

— דוא ביזט טאקע אגוט קינד, דבורהלע; דער אויבערסטער דארף דיר טאקע צושיקען אגליק פאר דיין גוט הארץ . . . אבער וויא טריקענען מיר דאס מיינע אויגען ניט, און וויא טהוט דאס מיר וויא מיין הארץ, אז גאר דיין הארעוואניע גיסט דוא אוועק פאר אונז און דוא קענסט פאר זיך ניט אבשפארען אקאפייקע; דוא ביזט דאך פארט אמיידעל, וואס שטייט אין שדוכים.

— נו, מַאמֶע, וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִיא רֵייד? גֶעה טְהוּא זִיךְ דִיר דַיין אַרְבֵּייט, אוּנ מִיר לָאז טָאן דָאס מַיינִיגֶע.

— וִויא הֵייסְט עֶס! אוּנ דוּא ווִילְקְסְט זִיךְ נָאר נִיט צוּ בָּעְרֵייטָען פַאר דֶעם נַאסְט?

— וָואס הָאבּ אִיךְ וָואס צוּ טָאן? עֶס וֶועט קוּמֶען דִיא צַייט פוּן פָאיֶעזְד, וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֶעהָען אַפֶּען וַואגְזַאל אוּנ גֶענוּג.

— גָאר נִיט אִיבֶּער בַּייטָען אַקְלֵייד? קַיין זַאךְ נִיט? פְרֶעגְט דִיא מוּטְטֶער הֶעכְסְט פֶערְוואוּנְדֶערְט.

— עֶרְסְטָען הָאבּ אִיךְ נִיט וָואס אוּמְצוּבַּייטָען, אוּנ צְוֵייטָען דַארְף אִיךְ נִיט; אִיךְ הַאלְט פוּן קַיין חָלוֹמוֹת נִיט.

דִיא מוּטְטֶער אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּנ דֶער מִיט הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט זֵייעֶר גֶעשְׁפְּרֶעךְ. — יֶעטְצְט לָאמִיר אַקוּק טָאן אִין דִיא הוֹיכֶע פֶענְסְטֶער.

## 2.

דָאס רַייכֶע פְרֵיילֵיין אִיז נִיט זֶעהר שֵׁיין, אוֹיךְ נִיט הָאפְּלִיךְ, אַלָאנְגְלִיכֶעס גֶעזִיכְט מִיט בְּלָאֶע אוֹיגֶען, בְּלָאנְדֶע הָאאר; טְרָאגְט אַקְלֵייד נָאךְ דֶער נַייֶעסְטֶע מָאדֶע מִיט אַמַאנְטֶעלְטְט אוֹיף דִיא שׁוּלְטֶערְן, הַאלְט נָאךְ אַשִׁירְם אִין הַאנְד; דֶען זִיא אִיז עֶרְסְט גֶעקוּמֶען פוּן גַאס. זִיא אִיז בֵּייז, הֶעכְסְט אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּנ דִיא אוֹיגֶען פֶערְוֵיינְט.

— וַויא אִיז מִיר! וָואס זָאל אִיךְ פָארְט אִיצְטֶער טָאן? וִויא גֶעפֶעלְט דִיר, נִיטָא קַיין אֵיין קָארְסֶעט אִין גַאנְץ שְׁטָאדְט.

— וִויא הֵייסְט עֶס נִיטָא קַיין קָארְסֶעט! הֶערְט זִיךְ אַשְׁטִימֶע פוּן אִינְוֵוייניג. וָואס רֶעדְסְטוּ? אַזַא שְׁטָאדְט, מִיט אַזוֹי פִיל מַאגַאזִינֶען... אִיז נִיטָא פַאר דִיר קַיין קָארְסֶעט!

— היינט וואס זאל איך מיט דיר ריידען , מאמע! דוא ווייסט זעהר . עס איז דא קארסעטען פאר דינסטמיידלעך , פאר גראבע יאטעשקעס , אבער ניט פאר מיר . איך גייא ארום פרעגען פראנצאזישע , פאריזער קארסעטען , איז ניטא אין ערגעץ , חאטש קריג דיא פלאטץ . עס איז מיר געקומען צו זיטצען דער היים אונ ניט צו ווייזען זיך פאר סאלמאנען , וואס דארף היינט קומען צו פאחרעי . אוי וויא איז מיר ! וויא איז מיר ! ... איך וועל ניט אויס האלטען .

— פאלג מיר , דינה , מיין טאכטער . דוא האסט דאך אבט קארסעטען , קלייב אויס דעם בעסטען אונ טהוא אן אונ גאר .

— אב געזאגט זיך , טהוא אן ! זאגט דינה ; זייא זיינען דאך אללע צעררויסען , צו פליקט ... גלאט טהוא אן לאפיאכעס ... דוא ביזט שיין גאר אויס געוועבט , מאמע !

— וואס רעדסטו צעררויסען ! שרייט דיא מוטטער ; וויא הייסט עס ! יענע וואך האסטו געקויפט אקארסעט , פאר דרייא וואכען צווייא קארסעטען ... איז שוין צעררויסען ! ... עס איז דאך פון דיר ניט אויס צו האלטען ! ... וואס טראכסטו זיך פארט ?

— מאמע , שווייג ! אונ זאלסט זיך מיר ניט מישען אין מיין טואלעט ! דוא ווייסט גאר ניט אונ דוא פערשטייסט גאר ניט , וואס איז דאס אנקליידען זיך , וויא היינטיגע וועלט פארדערט .... אט דיא אלטע קארסעטען , וואס איך האב , זיינען ניט ווערט איין אויס געבלאזענע איי ... הייליע שפינוועבס .

וויא מען ניט נאר אציה , אזוי צו קריכט עס אונטער דיא הענד , חאטש טרעסני !

— נוא , ציהט מען זיך ניט אזוי איין ; וואס איז דארטען אזוי !

— אזוי גאר ! ניט איינציהען זיך , זאגסטו ! אויס זעהען וויא אצורבאן , וויא אקלאטץ . איך וועל דיר אפשר ארויס געהן

אין גאס, אט וויא דבורקע, דיא גראבע טושע, וואס ווייס ניט פון קיין מאדעס.... וואס ווייס ניט, וואס טאליע ווען טאליע.

— וואס ווילסטו? דבורקע איז אגאנץ שיינע מיידעל, חאטש זיא טראגט ניט אזעלכע קארסעטען וויא דוא.

— גייא שוין גייא! דוא ביזט שוין גאר פון זינען אראב מאמע! צו וועמען זיא גלייכט דאס מיר, צו דבורקע, דיא קלאטץ, אשטיק צוצעלא! מעדר וויא פאר אשוסטער וועט זיא ניט הייראטהען. איך בין דאך עפעס איין עלעגאנטע פריילין איינע אין שטאדט. דער גאנצער אונגליק מיינער איז, וואס איך קען ניט האבען אזא קארסעט נאך מיין פיגורע נאך; אז איך וואלט נאר קענען דאקאזען איין עכטען פאריזער קארסעט, וואלט מען מיין פיגורע דארפען שטעלען אויף אוויסטאווקע, עהרען ווארט... וואס זאל איך פארט איצטער טאן, הא? עס איז מיר געקומען ניט צו פאהרען איבער נעהמען סאלימאנען.

— וויא, הייכט עס ניט פאהרען! זאגט דיא מוטטער: דוא ווייסט גאנץ גוט, אז זיין פאהרען אהער איז ניט גלאטט אזוי. ער מיינט גאנץ איינפאך: מיר זאלען שליסען אפארטיע. פארשטייסטו מיך דינה?

— איך פארשטייא אוודאי, אז דאס מיינט ער. הייגט וויא זאל איך זיך ווייזען פאר איהם, אז איך האב קיין רעכטען קארסעט ניט? איך קען זיך דאך ניט ווייזען פאר איהם אזא גראבע טושע וויא דבורקע.

— וואס ארט דיך? דבורקען וועט ער ניט נעהמען, ערשטען האט זיא אקאפיקע געלד ניט, אונ צווייטען...

— יע אונ צווייטען איז זיא נעבעך זעהר ניט שיין, האט קיין שום פיגורע ניט, קיין טאליע ניט, אונ געהט ניט אנגעצויגען נאך דער מאדע, אשטיק נעריאבע, אשלימזל.

— וואס ווילסטו פון איהר, דינה? זיא איז איין ארעמע מיידעל; וואס פערלאנגט מען פון איהר?

— יע, איך מיין דאס, זאגט דינה. איהר וועט ער געוויס ניט וועלען. איז דיא גאנצע זאך מיינט ער מיך טאקע, און ער וועט טאקע זיין מיין חתן. אבער דער קארסעט נעהמט מיר דיא קאפף אראב. איך ווייס גאר ניט, וואס איך הייב אן צו טאן. אוי גאטינקע! וואס טהוט מען? וואס טהוט מען?

זיא האט גענומען ארום לויפען איבערן שטוב אין העפטיגער בעוועגונג, ברעכט דיא הענד, און טרערן קייקלען זיך ביי איהר אפען געזיכט וויא באב.

דאס האט שוין דיא מוטטער ניט געקענט אריבער טראגען און זיא ניט אנגעשרייא.

— דוא זאלסט מיר ניט זיין משוגע, דינקע, זאג איך דיר! דוא זאלסט מיר זיין אמענש מיט אללעמען צו גלייך. טחוא אן אקארסעט, וועלכען דוא האסט, אדער קויף זיך אנייען — איך זאלעווע דיר ניט — גאר בעקלאג מיר ניט מיינע יאהרען מיט דיינע משוגענע קאפריזען, — דוא הערשט צו גיין?

— מאמע! ניט דינה אנגעשרייא און אטאפ מיטן פוס מאמע, דוא זאלסט שווייגען! איך פרעג ביי דיר קיין דעה ניט און דוא זאלסט זיך מיר ניט מישען אין מיין טואלעט; דוא הערשט?... אפשר וועסטו מיר זאגען, איך זאל אנטאן אקליידל מיט אקיסקע וויא דיא עלטער באבע... און אפען קאפף אפאצייל מיט אקנופ, הא?... עס איז מיר געפעללען, זיא דיא פארצייטיגע יענטע, וועט מיר אייגוייזען וויא אן צו טאן זיך!... מאמע! דוא זאלסט וויסען, דיין ארט איז אין קיך מיט זלאטקען: איהר זאג אדעה, וואס פאר אצאלענט צו שטעללען און וואס פאר אוועצרע צוא פערדוקען; — אבער צוא מיר אין מיינע קארסעטען זאלסטו מיר אמויל ניט עפנען! איך וועל דיר ניט ארום געהען וויא דיינע חברתעס דיא פארשיווע... זייא שלעפען זיך אטון נאך אטון, אקלאטץ נאך אקלאטץ... עס איז צו פאללען פון געלעכטער קוקענדיג אויף אזעלכע טושעס.

— אִיךְ זָאג דִיר נָאךְ אַמָאל, דינקע, שְׁרַייט וַוייטֶער דִיא מוּטְטֶער: דַייגֶע קָארְסֶעטֶען לֵייגֶען דִיךְ אִין דֶער עֶרְד אַרַיין... דוּא נָוערְסְט דָאךְ גְרִין אוּנ גֶעל... קוּים וָואס דוּא לֶעבְּסְט.

— נֵייא, אָבֶּער נֵייא! אִיךְ רֵייד מִיט דִיר נִיט, אוּנ אִיךְ פְּרֶעג בַּייא דִיר נִיט.

— גֵייא אִין אַלְלֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהרֶען! גֶעדֵיינְקֶע וֶועה, דינקע, — הַלְוַאי זָאל אִיךְ לִיגֶען זָאגֶען — דוּא וֶועסְט חָרָטָה הָאבֶּען: נֶעהם קְלֵייבּ זִיךְ שׁוֹין צוּא, פָאלְג מִיר, אִין דְרַייא שָׁעָה אַרוּם קוּמְט סאלימאן.

— אַז אִיךְ הָאבּ קֵיין קָארְסֶעט נִיט, וֶועל אִיךְ זִיךְ פַאר אִיהם נִיט וַוייזֶען.

— אָבֶּער אַז עֶר וֶועט דִיךְ נִיט זֶעהֶען, מָא וְויא וֶועט קֶענֶע זַיין דִיא פַּארְטִיע? פְּרֶעג אִיךְ דִיר.

— בֶּעסֶער זָאל אַזוֹי דִיא פַּארְטִיע נִיט צוּ שְׁטַאנְדֶע קוּמֶען, אֵיידֶער עֶר זָאל מִיךְ אוֹיס בְּרַאקִירֶען דֶער פַאר, וָואס אִיךְ זֶעה אוֹיס, וְויא אַקְלָאטְץ.

— וְויא אַקְלָאטְץ, זָאנְסְטוּ... אָךְ אוּנ וֵוייא אִיז מִיר! דוּא זֶעהסְט דָאךְ אוֹיס וְויא אִין אַפְלֶעשִׁיל אַלֵיילְקֶע; קוּים דִיא נְשָׁמָה הַאלְט זִיךְ אַיין אִין דִיר... אַלְץ פוּן דַיינֶע קָארְסֶעטֶען... אִיז וָואס זָאגְסְטוּ, דינקע? וָואס וֶועט זַיין?

— גָאר נִיסְט. פַארְפַאלֶען. אִיךְ וֶוער אָן מַיין גַאנְצֶעס גְלִיק, מַיין גַאנְצֶעס לֶעבֶּען אִיבֶּער אַזַא קְלֵיינִיגְקֵייט... שֵׁיידֶען...

— וָואס שֵׁיידֶען? פְרֶעגְט דִיא מוּטְטֶער עֶטְוָואס עֶרְמוּנְטֶערְט: וָואס? עֶס קְלַאפְּט נָאךְ אָפְּט אַיין אָדֶער?

— יֶע, עֶס קֶען נָאךְ אֶפְשָׁר זַיין. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, אַז דָא דַארְף קוּמֶען צוּ פָאהרֶען פוּן וַוארְשׁוּא אַקָארְסֶעטֶענְהֶענְדְלֶער. לִינֶע הָאט מִיר צוּ גֶעזָאגְט דָאס צוּ דֶער גֶעהֶען. אוֹיבּ עֶר אִיז דָא, בִּין אִיךְ אַנְגֶערַאטֶעוֶועטֶע.

— נוּא, גָאט אִיז אַגוּטֶער, זָאגְט דִיא מוּטְטֶער אוֹיפְהֵייבֶּענְדִיג

דיא הענד: אויב דער שידוך מיט סאלימאן איז בעשערט, וועט דער קארסעטענהענדלער זיין אשליח פון דעם, וואס לעבט אייביג.

אין דיא רייד איז אריין געלאפען לינע גלאטטשטיין פערשאפט, פערהראפעט, אויסער אטהעם.

## 3.

פון דעם געשפרעך פון דיא רייכע אונ פון דיא ארמע, זעהען מיר, אז זייא ווארטען ביידע אגאכט, וועלכער הייסט סאלימאן. אזוי איז דאס: דבורה, דינה אונ סאלימאן זיינען אללע דרייא קוזינען: זייערע פאטערס זיינען דרייא ברידער, וועלכע האבען געירשנט פון זייער פאטער אקליין שטיבעל מיט אגרויסען פלאטץ. סאלימאנס פאטער האט גאר קיין ירושה ניט גענומען; ער איז זעהר רייך. ער וואוהנט אין מאסקווע. דינהס פאטער איז אויך איין וואהלהאבענדער מאן, האט ער אויף זיין טהייל פלאטץ אויס געמויערט אדרייישטאקיגעס הויז, אין וועלכע ער האט געוואוהנט. דבורה'ס פאטער איז שוין לאנג געשטארבען, אונ זייא זיינען געבליבען איין ארעמע פאמיליע, וועלכע דבורה אליין האט קיממערליך ערנעהערט מיט איהר ארבייט. דיא פעטערס איהרע האבען זייא ווייניג געשטיטצט. סאלימאן קומט יעטצט פון בערלין, וואו ער איז יעטצט געוועזען געשאפטס האלבער. ער איז זעהר רייך אונ איין עלעגאנטער יונגער מאן. פארן ארויס פאהרען האט ער געשריבען בריף צו זיינע קוזינען, אז צו ריק פאהרענדיג וויל ער זיך ביי זייא אבשטעללען אויף אקורצע צייט, אונ, אויב עס איז מיגליך, בעט ער זייא, זייא זאלען איהם קומען ענטגעגען אפען וואגזאל. פון דעם בריף האט מען פערשטאנען, אז ער מיינט זיינע קוזינען קענען צו לערנען, אונ אויב זייא וועלען איהם געפעללען זיין, וועט ער נאטירליך איינע פון זייא הייראטהען. אונ דאס האט

יעדער פערשטאנען, אז געהמען וועט ער געוויס דינהן, ערשטען ווייל זיא איז רייך אונ האט אשיינע נדן, אינ צווייטען איז זיא טאקע איין עלעגאנטע פריילין, געהט געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע אונ זעהט אויס וויא אקוקלע. אבער דבורקע.. ער וועט נאר אין איהר צייט ניט וועלען אקוק טאן: זיא איז אקבצענטע, אונ געהט געקליידעט... אז אך אונ אז וויא!... איך וויל שוין גאר אזוי ווייט ריידען... מיט אקארסעט, וואס איז בריית, וויא דער אידישער גלות. אונ ווען זיא ארבייט, איז ביי איהר רעכט צו געהען אן אקארסעט אויך. נוא, איז גאר דא וועגען איהר וואס צו ריידען?

מען ערווארטעט דעם נאסט הייטע אום פיר אוהר נאך מיטטאג, ווען עס קומט אן דער צוג פון אויסלאנד.

דאס געשפרעך, וואס מיר האבען געהערט, איז פאר האלבען טאג.

רינע איז אריין געלאפען מיט איין פריידענשטראהלענדען געזיכט, דיא אויגען האבען געשפריצט פייער, דיא באקען זיינען רויט, דער שטערן פערשוויצט, זיא האט אווארט ניט געקענט ארויס ריידען פון גרויס איםפעט, זיא האלט זיך פארן הארצען אונ קען דעם אטהעם ניט אבחאפען. פון אזא פריידע, וואס זיא האט ארויס געוויזען, וואלט מען מיינען, אז עס איז אנגעקומען גרויסע ישועות אויף אידען; אז דער שולטאן האט אוועק געשאנקען פאלעסטינע פאר דיא אידען; אדער אז משיח איז גאר געקומען; אדער אז דיא חאלעריע האט אויפגעהערט צו וויטהען אונ מען האט נאר געפונען אמיטל, אז קיין חאלעריע זאל שוין מעהר ניט זיין אויף דער וועלט; אדער נאך אזעלכע בשורות, וואס איז נוגע צו כלל ישראל, אדער וואס איז אטובה פאר דיא גאנצע וועלט.

— נו נו! שרייט דינה איהר לויפענדיג ענטגעגען אויסער זיך פאר פריידע.

— וואוהר וויא דיא וועלט, דינינקע; ער איז דא!

— עס איז שוין דא דער קארסעטעהענדלער ?

— מיט פראנצייזישע אונ ענגלישע קארסעטען . אָבער קום געשווינד , דינינקע קרוין , עס איז אַזא תאפענעס , אַזא לאפענעס , אַגרויל !

— אַזוי , מען קויפט שוין ? שרייט דינה אין האסט , זיך אנציהענדיג איהר פאַלטא .

— שאַ ! מען קויפט ! עס איז געפאַקט פול מענשען ... אַיין איינגעלויף פון גאַנץ שטאדט , זאג איך דיר :

— אַזוי גאַנץ שטאדט , זאגסטו ?

— אַחוץ מאנספילען אונ אַלטע ווייבער איז דאָרטען פול מיידלעך אונ ווייבלעך עס איז ניט צו צו שלאָגען זיך ! ... דער זאל איז פול ... דיא טרעפ איז פול ... אויך אַפען גאס איז אַגאַנצע געדרענגע , אַגעשלעג , אַשטויסעריי ... עס איז גאר קיין וואונדער ניט , הלעבען ! יעדערע וויל דאך וואס פריער בעקומען אונ וואס צום בעסטען . אַקליינינקייט פאַריזער קארסעטען ! עס איז דאך ניט קיין גלייכווערטל . קוים מען האט דאס ביי אונז זוכה געווען . ער האט פראסט קיין הענד ניט ... ער קען זיך ניט איספּראווען ... יעדערע רייסט איהם , יעדערע צופט איהם .

דאס רעדט אַלץ לינע מיט האסט אויסער אַטהעם , שפייכעל שפריצט איהר פון מויל אונ מאכט מיט דיא הענד אַרויף אונ אַראב פון גרויס ענטציקען .

— פון וועלכע פּרייזען זיינען זייא ?

— חה ה ! דוא רעדסט וועגען פּרייזען ! ... ווער רעדט וועגען אַזעלכע דומהייטען ? מען פרייט זיך , אַז ער נעהמט נאר געלט . פון דער גאַנצער טאלפּא זעהט מען מעהר ניט וויא הענד זיינען אויס געשטרעקט מיט בילעטען אונ מען שרייט נאר : האט רחמנות גיט !! ... קום שוין געשווינד , דינינקע קרוין , מיר זאלען זעהען וואס גיכער צוא פערחאפען .

— אַ לינינקע ! דוא האסט מיר גאר מחיה געווען ... אַנייע

נשמה צריין געזעצט. א געלויפט אונ געדאנקט איז גאט! איך בין שוין אנגעבאטעוועטע, וויא פיל געלד זאל איך מיט נעהמען?

— נעהם וואס מעהר, דינינקע, קרוין! דיא צייט איז קורץ... אונ דארטען בייסט מען פון דיא הענד, אשרעק.

— דינה מיט לינען זיינען גלייך ארויס פון שטוב. זייא זיינען ניט געגאנגען, נאר געלאפען... מיין איך, ניט געלאפען, נאר דער אימפעט האט זייא געטראגען.

— זאג מיר, דוא האסט געזעהען דיא קארסעטען? פרעגט איהר דינע אפען נאס לויפענדיג.

— אוודאי געזעהען, זאגט לינע, דאס איז אזעלכע קארסעטען, וואס מען קען זיך איינציהען דיא טיילע פראסט וויא אפינגער דיא דיק.

— אונ דיא שנירלעך איז שטארקע?

— היילע אייזען, האטש ציה אונ ציה... מען קען אפילו אמוייער איינציהען אט וויא אגובקע. היינט וויא שיין זייא זיינען! אטלעסענע געפוטערט מיט שטארקען טוך, אז קיין טייוועל קען זייא ניט איינרייסען.

— פון וועלכע קאלירען?

— עס איז פראנען העלל בלאע, הימעל קאליר, היינט העלל רויט... הויכע מיט אכט האקען, אונטער די ארמס אויס געשניטען... אונטען אנומי גורט... אויבען קרוזעווע (שפיצען) דורך געצויגען מיט אראזע באנד... פון פארינט אראזעטקע אפראכט צוא קוקען. אנדערע זייגען מיט זייד-אונ סאמעט בלאטטער בעפוצט... דיא פישביין איז געשליפענע עכט ענגלישע, אונ נעדיכט געזעטצט; ביא דער טאליע קומען זייא אויס איינע לעבען דיא אנדערע. היינט דער פאסאן, זאג איך דיר, האב איך אויף מיין לעבען ניט געזעהען... זייא מאכען אזא זעלטענע פיגורע, אז מען קומט אויס וויא אויס געטאקט... וויא אויך געשניצט, עס איז אפראכט אין דער וועלט.

אַזוֹי רֵיידֶענְדִיג זַיינֶען זַייא גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם גְלִיקְלִיכֶע קָארְסֶעטֶענְהֶענְדְלֶער, חָאבֶּען זִיךְ קוֹים דוּרְךְ גֶעשְׁטוּיסֶען דוּרְךְ דִיא טָאלְפַּא, הָאבֶּען גֶעקְרָאגֶען עֶטְלִיכֶע קְלֶעפּ אוּנ עֶטְלִיכֶע שְׁטוּרְכֶעם... זַייא הָאבֶּען זִיךְ דֶער שְׁלָאגֶען. חָאבֶּען מִיט גְרוֹיס שְׁוְוירִיגְקֵייט אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען אַקָארְסֶעט, אֶמֶת אַצַאצְקֶע, אוּנ דינה אִיז גֶעקוּמֶען אַחַיים פְרֵיילִיךְ.

4.

דֶער וַוייְלֶע דִיא צַייט לוֹיפְט אָב, עֶס אִיז מֶעהר נִישְׁט גֶעבְּלִיבֶּען צְוַוייא שְׁטוּנְדֶען צוּם פָּאיֶעזְד, אוּנ מֶען דַארְף מַאכֶען דֶעם טוּאַלֶעט אִיבֶּער צוּ נֶעהמֶען דֶעם פָארְנֶעהמֶען גַאסְט, וָועלְכֶער דַארְף וָוערֶען אִיהר חָתָן. אוּנ עֶר קוּמְט דָאךְ פוּן בֶּערְלִין אַקְלֵיינִיגְקֵייט! דינה הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ אִיהר טוּאַלֶעט.

דִיא מוּטֶער חָאט אִיהר גֶעהֵייסֶען וָואס עֶס אִיז עֶסֶען; דֶען פוּן גְרוֹיס אוֹיפְרֶעגוּנְג הָאט זִיא נָאךְ הַיינְט נִיט גֶעגֶעסֶען.

— גָאר אַנַיִים, עֶסֶען! גִיט דינה אַנֶעשְׁרַייא: אַנַייעֶר אָבְּקְלֶער, עֶסֶען אֵיידֶער מֶען טְהוּט זִיךְ אָן אַקָארְסֶעט הַ הַ הַ! אִיךְ קַייךְ זִיךְ פוּן גֶעלֶעכְטֶער... אִיךְ וָועל דָאךְ אוֹיס זֶעהֶען וִויא אַצוּרְבַּאן!.. וָואס בַּייא אַיין אַלְטְמָאדִישֶׁע יוּדִינֶע קֶען אוֹיס קוּמֶען...

— אִיז וִויא? וָועסְטוּ עֶסֶען נָאךְ דֶעם אָנְטָאן דֶעם קָארְסֶעט, וָועסְטוּ דָאךְ יֶעמָאלְט אַלֶעפֶּעל וַואסֶער נִיט קֶענֶען אַרָאבּ בְּרֵיינְגֶען. אִיךְ קֶען דָאךְ דִיר.

— נִיטָא קַיין עֶסֶען, נִיט פְרִיעֶר, נִיט שְׁפֶּעטֶער! אִיךְ וָועל עֶסֶען פַארְן שְׁלָאף, וָוען אִיךְ וָועל נִיט דַארְפֶען זַיין אָנְגֶעצוֹיגֶען, וִויא גֶעהֶערִיג אִיז. דֶער מָאן מִיר גָאר נִיט עֶסֶען, אִיךְ קֶען דָאס גָאר נִיט הָערֶען.

דינה הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אַיינְוַואשֶׁען מִיט עֶטְלִיכֶע פָּארְטֶען זַייף, וִויא דֶער דִין אִיז (וִויא עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין סֵפֶר קָאקֶעטְטֶע) אוּנ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ אִיהר טוּאַלֶעט. זִיא הָאט אַרַיין גֶערוּפֶען זֵייעֶר צְוַוייא דִינְסְטֶען זלאטקען מִיט זעלדקען, זַייא זָאלְלֶען אִיהר הֶעלְפֶען. לינע, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אִיז גֶעזֶעסֶען דֶער בַּייא אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אַמֵיינוּנְג.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא רַייהֶע פוּן הֵיילִיגֶען קָארְסֶעט. דינה הָאט אִיהם אָנְגֶעטָאן אוּנ הָאט גֶענוּמֶען צִיהֶען דִיא שְׁנִירְלִיךְ, — עֶס גֵייט נִיט.

— זעלדקע, זָאגְט זִיא, נֶעהם שְׁטֶעל זִיךְ מִיר פוּן דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד, אוּנ דוּא זלאטקע, שְׁטֶעלְל זִיךְ מִיר פוּן דֶער לִינְקֶע הַאנְד אוּנ צִיהט מִיר דִיא שְׁנִירְלֶעךְ.

זִיא הָאט אַזוֹי גֶעטָאן. יֶעדֶע הָאט גֶענוּמֶען אַיין עֶק פוּן דֶער שְׁנוּר, הָאט אַרוּם גֶעדְרֵייט אַרוּם אִיהר הַאנְד אוּנ זַייא צִיהֶען מִיט אַלֶע קְרֶעפְטֶען: צִיהֶענְדִיג הָאבֶּען זַייא דֶער וַויילֶע אַרוּם גֶעשְׁלֶעפְּט דינהן, דָא אַהִין, דָא אַהֶער:

— צִיהט שְׁטַארְקֶער, שְׁרַייט זִיא. וָואס פַאר אַקְרֵיינְק אוֹיף אַייךְ!... אִיהר הָאט גָאר קַיין כֹּחַ נִיט. אִיהר פַּאסְט הַיינְט?... עֶס אִיז גָאר נִישְׁט. צִיהט שְׁטַארְקֶער, זָאג אִיךְ אַייךְ; אוֹיבֶּען לָאזְט לַייז, אוּנְטֶען בַּייא דִיא הִיפְטֶען לָאזְט אוֹיךְ לַייז; צִיהט נָאר אִין מִיטֶען וָואס שְׁטַארְקֶער.

— אִיךְ קֶען שׁוֹין מֶעהר נִיט, זָאגְט זלאטקע אַזִיפְצֶענְדִיג.

— אִיךְ קֶען אוֹיךְ מֶעהר נִיט זָאגְט זעלדטקע, אָבְּחַאפֶּענְדִיג דֶעם אָטֶעם.

— אַשֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה חָלֶעבֶּען!... אָט אַזוֹי וֶועט עֶס בְּלַייבֶּען!

— גֶענוּג דִיר שׁוֹין, דינה, זָאגְט דִיא מוּטֶער אַרַיין גֶעהֶענְדִיג. אַקְלָאג אִיז צוּ מִיר! עֶס שְׁפַּארְט דִיר דָאךְ שׁוֹין דִיא נְשָׁמָה אַרוֹיס.

— מַאמֶע, שְׁוַויינ, זָאלְסְט זִיךְ נִיט מִישְׁעֶן.

— ווֵייא אִיז מִיר, ווִינְד אִיז מִיר! שְׁרַייט דִיא מוּטְטֶער ווַייטֶער; דוּא בִּיזְט דָאךְ שׁוֹין בְּלָא ווִיא אַמִילְךְ . . . דִיא אוֹיגֶען אִיז דִיר אַרוֹיס גֶעשְׁפַּארְט . . . דִיא אָדֶערְן אַרוֹיס גֶעשְׁטָארְצְט . . . זֶעה, דוּא שְׁטֶעקְסְט דָאךְ שׁוֹין דֶעם צוּנְג אַרוֹיס.

— צִיהט, צִיהט! הֶערְט אִיהר נִיט. אָט אִיצְטֶער ווֶעט שׁוֹין זַיין בַּאלְד גוּט.

בַּאץ!! מִיט אַמָאל זַיינֶען בֵּיידֶע גֶעפַאלְלֶען. דִיא שְׁנוּר הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶערִיסֶען. זעלדקע אִיז גֶעפַאלְלֶען אָן דֶער עֶרְד, הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁלָאגֶען דֶעם נָאז, עֶס הָאט גֶענוּמֶען רִינֶען בְּלוּט. זלאטקע צִיהֶענְדִיג הָאט זִיךְ אָנְגֶעהַאלְטֶען אָן טִישׁ, אוֹיף ווֶעלְכֶען עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַהוֹיכֶער לָאמְפּ פוּן צְווֶעלְף רוּבְּל. פַאלְלֶענְדִיג, הָאט דֶער טִישׁ אִיהר אוֹיךְ גֶעהָאלְפֶען אוּנ אִיז מִיט גֶעפַאלְלֶען . .

בְּרַאזְג!! פוּן אֵיין לָאמְפּ אִיז גֶעווָארֶען טוֹיזֶענְד שְׁפְּלִיטֶער. אוּי דִיא פוּס פוּן לָאמְפּ אִיז גֶעפַאלְלֶען גְלַייךְ אִין טְרוּמָא, פוּן ווֶעלְכֶע עָס אִיז גֶעווָארֶען הוּנְדֶערְט קְלֵיינֶע שְׁפִּיגֶעלֶעךְ.

— אַז גֶעשְׁווָאלֶען אוּנ גֶעדְרָאלֶען זָאלֶען זַייא ווֶערֶען דִיא קָארְסֶעטֶענְמַאכֶער! גֶעהֶערְט, ווֶעלְכֶע שְׁנִירְלִיךְ מֶען גִיט דָאס! . . . הַיילֶע שְׁפִּינְוֶועבְּס. אַיין אוּמְגְלִיק אוֹיף מִיר! ווָאס זָאל אִיךְ פָארְט אִיצְטֶער טָאן?

— שְׁטַייטְץ, נַזְלֶן! שְׁרַייט דִיא מוּטְטֶער בְּרֶעכֶענְדִיג דִיא הֶענְד. זֶעה, ווָאס פַאר אַהֵייזֶק דוּא הָאסְט דָא גֶעמַאכְט! . . . אִיבֶּער פוּפְצִיג רוּבְּל זִילְבֶּערְנֶע.

— אַשֵׁיינֶע רֵיינֶע כַּפָּרָה אוֹיף דֶעם לָאמְפּ מִיט דֶעם שְׁפִּיגֶעל צוּ זַאמֶען. ווָאס זָאל אִיךְ אָבֶּער טָאן אָהן אַקָארְסֶעט? . . . דֶער פָּאיֶעזְד קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד אָן . . . אוּי אִיךְ הַאלְט נִיט אוֹיס, נַא, זעלדקע, לוֹיף גֶעשְׁווִינְד נָאךְ אַיין אַנְדֶער שְׁנוּר, אָבֶּער ווָאס

מהוא איך ? טאמער וועט זיך דיא אויך צערבייסען. אוי רבונו של עולם ! וואסערע צרות עס איז ארויף געשיקט געווארען אויף מיין קאפף !

— ווייסט איהר וואס ? זאגט זעלדקע זיך ווישענדיג דיא בלוט פון נאז : נעהמט גאר אדראהט שטריקעל : דאס וועט געוויס זיין שטארק.

— עס איז דא ?

— געוויס.

— וואס האסטו מיר פריער ניט געזאגט, שטיק גלאמפ ! ליימענער גולם ! זיא זעהט, מען מאטערט זיך עס קריכט דיא אויגען פון קאפף פון יסורים, און זיא שווייגט. לויף שוין געשווינד, און רופף אהער דעם דווארניק ער זאל דיר העלפען.

-- דעם דווארניק ! גיט אנעשרייא דיא מוטטער. דוא ביזט שוין גאר פון זינען אראב . . מעהר וויא דאס האט מיר ניט געפעהלט.

— פטפו, וואס רייד איך ? מיין איך דיא דווארניצע. זעלדקע איז אין שווארץ יאהרען צו קיילט און צו בייקט פון דעם לאמפ, וואס איז געפאללען אויף איהר ... אזא שטיק שלימזלניצע ! אזוי איין אומגעלומפערטער קלאטץ ! שדים האבען איהר געטראגען : . . האט זיך געמוזט אנשפארען אן טיש און מאכען אזא היזק.

זעלדקע איז אראב געגאנגען און האט באלד געבראכט אדראהט שטריקל, זיא האט איהר נאך אנגעשטרייכט מיט וואקס און מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט, זיא מיט דער דווארניצע, וועלכע איז אויך באלד ארויף. זעלדקע האט זיך דעם מאל אנגעהאלטען פעסט אן וואנד, זיא זאל ניט פאללען. יעטצט איז שוין געווען גוט, דיא שטריקל האט ניט געפלאטצט. עס

(דער קארסעט) האט

הָאט יֶע גֶענוּמֶען טְרֶעסְקְען אַבִּיסְל דֶער קָארְסֶעט אַלְלֵיין ; אָבֶּער נִיסְקָשֶׁה , מִיט חֶסֶד . . . גָאטְט צוּ דַאנְקֶען , עֶס הַאלְט . דינה הָאט אָנְגֶעצוֹיגֶען אִיהר קְלֵייד ; עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַמְחַיֶה אוֹיף אִיהר אַקוּק צוּ טָאן ; זִיא הָאט אוֹיס גֶעזֶעהֶען פּוּנְקְט וְויא אַ פִידֶעלֶע ; דִיא טַאלְיֶע אִיז נִיט גֶעוֶוען וְויא אַבּוּטְל דִיק , נָאר וְויא דִיא הֶעלְזֶעל פוּן אַבּוּטְל . אִיהר גֶעזִיכְט הָאט גֶעקְרָאנֶען דֶעם קָאלִיר פוּן רוֹיט-בְּלָא , דִיא אוֹיגֶען זַיינֶען גֶעוָוארֶען אוֹיסְגֶעשְׁטַארְצְט . זִיטְצֶען הָאט זִיא נִיט גֶעקֶענְט : זִיא אִיז נָאר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּערְן צִימְמֶער אוּנ אִימְמֶער גֶעקוּקְט אִין דֶעם צֶערְבְּרָאכֶענֶעם מְרוּמָא אוּנ גֶעדַייט פוּן זִיךְ . דֶער אַטְהֶעם אִיז אִיהר גֶעוֶוען אֲפִילוּ שְׁוֶוער , אָבֶּער דָאס אִיז נִיט פוּן קָארְסֶעט , זָאגְט זִיא , דָאס אִיז פוּן אַשְׁלֶעכְטֶען חָלוֹם , וָואס זִיא הָאט גֶעהַאט . עֶסֶען הָאט זִיא נִיט גֶעקֶענְט ; נָאר וֶוער קוּקְט אוֹיף עֶסֶען ? וָואס עֶסֶען וֶוען עֶסֶען ? זִיא הָאט טַאקֶע קֵיין אַפְּטִיט אוֹיךְ נִיט גֶעהַאט : דֶער מָאגֶען אִיז אַזוֹי אַיינְגֶעשְׁצֶעמֶעט , אַז עֶר הָאט גִיט גֶעשְׁמֵייעֶט אַוָואַרְט צוּ זָאגֶען צוּ פָארְדֶערְן דָאס זַיינִיגֶע . דִיא גֶעדֶערִים הָאבֶּען אֲפִילוּ גֶענוּמֶען טַעֲנֶען צוּ דינהן : וָואס הָאסְטוּ צוּ אוּנְז ? וָואס הָאסְטוּ אוּנְז אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען פוּן אוּנְזֶער קְוַוארְטִיר ? וָואס הָאסְטוּ אוּנְז פַאנַאנְדֶער גֶעטְרִיבֶּען פוּן אוּנְזֶערֶע פְּלֶעטְצֶער ? מִיר קֶענֶען שׁוֹין מֶעהר נִיט אוֹיסְהַאלְטֶען . נָאר זֵייעֶר שְׁטִימְמֶע אִיז צוּ דינה'ס אוֹיעֶרְן נִיט אָנְגֶעקוּמֶען ; דֶען דֶער קָארְסֶעט אִיז אַיין אַייזֶערְנֶע וַואנְד , וָואס הָאט קֵיין טָאן נִיט דוּרְךְ גֶעלָאזֶען . אוּנ דינה זָאגְט : וָואס אַרְט עֶס מִיךְ ? יֶע אָרְט , נִיט אָרְט . . . אִיךְ הֶער אַייךְ וְויא אִין טְרָאךְ ! . . . אַבִּי מַיין טַאלְיֶע אִיז יֶעטְצְט אַגָאלְד .

## 5.

— אזא טייערע ערפינדונג וויא אקארסעט איז, איז אויף דער וועלט ניטא, זאגט דינה שטייענדיג נעבען שפיגעל אונ געדרייענדיג קוקענדיג אויף זיך.

— מיר איז אוואונדער, זאגט לינע, וועלכע איז געזעסען דער ביי: מיר איז אוואונדער, חלעבען, וואס אין לוח שטייט ניט דער מאנט, ווען איז ער פונדען געווארען אקארסעט, געהערט! פון אייזענבאהן איז דא, פון בוכדרוקעריי איז דא, אונ וועגען אקארסעט דער מאנט מען גאר ניט. נאר וואס איז דער וואונדער? דיא לוחות מאכען דאך דיא מאנסבילן... אונ זייא ווייסען זייער.

— ווען ניט דיא קארסעטען, זאגט דינה, ווער ווייסט וואס עס וואלט געווען... עס וואלט אוודאי דיא וועלט חרוב געווארען.

— וואס איז דאס שייך צו דער וועלט?

— וואס פערשטייסטו דא ניט? אהן אקארסעט קען דאך דיא פיגורע ניט ארויס קומען שיין... אונ, משטיינעסגעזאגט, מען ווייס דאך שוין, אז אויף ניט אשיינע מיידעל איז קיין בעלן ניטא. מען וואלט קיין שדוכים ניט טאן... מען וואלט ניט חתונה האבען. עס וואלט געווען אתל עולם!

— דוא ביזט טאקע גערעכט, דינה. אט ערסט איז טאקע ביי מיר רעכט, וואס עס איז דא בשיינע רבן (בעוונותינו הרבים) פיל מיידלעך פארזעסענע. דאס איז נאר דער פאר, וואס זייא זעהען אויס וויא דיא קלעצער, זאל איך ניט זינדיגען מיט דיא רייד. אט מיין קוזינע דבורקע — הלואי זאל איך ליגען זאגען — זיא וועט נעבעך בלייבען אפארזעסענע מאד. וויא זיא געהט

אָנְגֶעטָאן ; קַיין קְלֵיידעל אִיהרֶע אִיז נִיט נָאךְ דֶער לֶעצְטֶער מָאדֶע. הַיינְט אַקָארְסֶעט טְרָאגְט זִיא... אַבְּרֵייטֶע לַאפִּיאכֶע, אַז עֶס אִיז אוֹיף אִיהר נִיט אַקוּק צוּא טָאן. ווייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ זָאגֶען, לִינִינקֶע קְרוֹין, אַז זִיא גֶעהט אַמָאל אָהן אַקָארְסֶעט אוֹיךְ.

— גֵייא שׁוֹין, גֵייא! וָואס רֶעדְסְטוּ?

— עֶהרֶען וָוארְט, זָאג אִיךְ דִיר. אָט פְרֶעג בַּייא מַיין מַאמֶען; זִיא וֶועט מִיךְ נִיט לָאזֶען לֵייגֶען.

— אוֹי וֵוייא גֶעשְׁרִיעֶן! זָאגְט לִינֶע. אָט צוּ וָואס אָרֶעמְקֵייט קֶען בְּרֵיינְגֶען, טַאקֶע אַרַחֲמָנוּת אוֹיף אִיהר, חָלֶעבֶען.

— עֶס וֵויינְט מִיר טַאקֶע מַיין הַארְץ פַאר אִיהר, זָאגְט דינה. וִויא פִיל מָאל הָאבּ אִיךְ אִיהר גֶעוָועלְט אַוֶועק שֵׁיינְקֶען מַיינֶע קָארְסֶעטֶען דִיא צֶערְרִיסֶענֶע, — וִויל זִיא נִיט נֶעהמֶען. אִיךְ וֵוייס גָאר נִיט, וִויא וֶועט זִיא הַיינְט גֶעהֶען עֶנְטְגֶעגֶען כאל'מאן? עֶר אִיז דָאךְ אִיהר אוֹיךְ אַקוּזִין. עֶר וֶועט בֶּעגֶעגְנֶען אַקְלָאטְץ... עֶר וֶועט מִיט אִיהר גָאר אַוָוארְט נִיט וֶועלֶען רֵיידֶען. אִיךְ וֶועל אַרָאבּ פָאהרֶען מִיט אִיהם אוֹיף אַדְרָאשְׁזְקֶע, אָדֶער מִיר וֶועלֶען אַרָאבּ גֶעהֶען בֵּיידֶע גֶעאַרְמְט, אוּנ זִיא וֶועט זִיךְ נָאךְ שְׁלֶעפֶּען פוּן הִינְטֶען... וֶועט זִיךְ נָאךְ קַייקְלֶען וִויא אַטוּן הֶעהֶע! פוּן דֶעסְט וֶועגֶען אוֹיף מַיין חֲתוּנָה מִיט סאלימאן, וֶועל אִיךְ אִיהר אַוֶועק שֵׁיינְקֶען אָט דֶעם פַּארִיזֶער קָארְסֶעט. נָאר אָךְ אוּנ וֵוייא! עֶר וֶועט אִיהר קוֹים אַרוֹיף אַפֶּען פִינְגֶער... אָט וִויא אוּנְגְלִיקְלִיךְ זִיא אִיז נֶעבֶּעךְ, אַז זִיא אִיז אַזַא אוֹרָאד, הָאט קַיין שׁוּם טַאלְיֶע נִיט!

— אִיךְ זָאג טַאקֶע, רוּפְט זִיךְ אָבּ לִינֶע, אַז אַקָארְסֶעט אִיז דִיא בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט: אַקָארְסֶעט שְׁנַיידְט אוֹיס דִיא טַאלְיֶע זֶעהר שֵׁיין, אַקָארְסֶעט מַאכְט דִיא פִיגוּרֶא אַפְּרַאכְט, אַקָארְסֶעט מַאכְט אֲפִילוּ נִיט אַשֵׁיינֶע פְרוֹיעֶנְצִימֶער אוֹיךְ שֵׁיין; דֶען דִיא שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶער טַאלְיֶע דֶעקְט דִיא הֶאסְלִיכְקֵייט פוּן גֶעזִיכְט.

— יָע יָע, זָאגְט דינה, אַקָארְסֶעט שְׁטֵייט הֶעכֶער פַאר אַלְלֶע קְלֵיידוּנְג אוּנ צִירוּנְג. דִיא קְלֵיידֶער בֶּעפּוּטְצֶען מֶעהר נִיט דֶעם קֶערְפֶּער; אָבֶּער דֶער קָארְסֶעט אִיבֶּערְבִּילְדֶעט דִיא גַאנְצֶע פִיגוּרֶע פוּן מֶענְשֶׁען, אוּנ מַאכְט דֶעם קֶערְפֶּער אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט, אוֹיס גֶעטָאקְט אוּנ עֶלֶעגַאנְט, אַז אַלְלֶע יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען קָאכַאיֶען זִיךְ נָאךְ אוּנְז.

יָע, דָאס אִיז אַגָאטְס בֶּענְטְשׁוּנְג אַקָארְסֶעט. אַלְלֶע טָאג וֶוען אִיךְ צִיה אָן מַיינֶע קְלֵיידֶער דַאנְק אִיךְ אוּנ לוֹיבּ דֶעם אוֹיבֶּערְסְטֶען, וָואס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען אַקָארְסֶעט... מֵיין אִיךְ, וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעגֶעבֶּען אִין גֶעדַאנְקֶען יֶענֶעם גְרוֹיסֶען עֶרְפִינְדֶער, אוֹיס צוּ טְרַאכְטֶען אַקָארְסֶעט.

— אַנְדֶערֶע זָאגֶען אֲפִילוּ, אַז אַקָארְסֶעט אִיז שֶׁאדְלִיךְ... פִיל פְרוֹיֶענְצִימְמֶער שְׁוַאנְגֶערֶע הָאבֶּען מַפִּיל גֶעוֶוען דֶער פוּן.

— גְלוֹיבּ זֵייא נִיט. דָאס אִיז אַלִיגֶען. זָאגְט דינה. דָאס הָאבֶּען מֶעהר נִיט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דִיא מַאנְסְבִּילֶען, דִיא קַארְגֶע, וֶועלְכֶע ווִילֶען נִיט אוֹיס גֶעבֶּען קַיין גֶעלְד פַאר זֵייעֶרֶע וַויבֶּער אָדֶער פַאר זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער. מִיר פֶערְשְׁטֵייעֶן, נִיסְקָשֶׁה!

מִיר אִיז אַוואוּנְדֶער, חָלֶעבֶּען, זָאגְט לינע. דֶער בַּארָאן הִירְשׁ אִיז אַזַא גוּטֶער מֶענְשׁ, עֶר שִׁיט מִילְיָאנֶען אוֹיף וָואהְלְטְהָאטְלִיכֶע זַאכֶען, — לְחַיי וָואלְט עֶר זִיךְ דֶער בַּארְמֶען אוֹיף דִיא אָרֶעמֶע מֵיידְלֶעךְ, אוּנ וָואלְט עֶפְנֶען קָארְסֶעטֶענְפַאבְּרִיקֶען אוּנ מַאגַאזִינֶען צוּ שֵׁיינְקֶען קָארְסֶעטֶען, דִיא וָואס הָאבֶּען נִיט מִיט וָואס צוּ קוֹיפֶען. אוּנ אוֹיךְ עֶדִיסָאן, דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם, לְחַיי וָואלְט עֶר אוֹיסְטְרַאכְטֶען אַזַא מִין שְׁטָאלֶענֶע קָארְסֶעטֶען מִיט דְרָאהטֶענֶע שְׁנִירְלֶעךְ, מֶען זָאל קֶענֶען אַיינְצִיהֶען ווִיא פִיל מֶען ווִילל אוּנ עֶס זָאל נִיסְט וֵוייא טָאן אוּנ עֶס זָאל נִיסְט שַׁאדֶען צוּ דִיא פַארְבֶּע פוּן גֶעזִיכְט. יָע, אוּנ לְחַיי וָואלְט דָאקְטָאר קָאךְ אוֹיסְטְרַאכְטֶען אַזֶעלְכֶע

טְרָאפְּפֶענְס, אַז מֶען זָאל זַיין דֶער מִיט זַאטט, אוּנ נִיט דַארְפֶען עֶסֶען; דֶען דָאס עֶסֶען אִיז אַגְרוֹיסֶער שְׁטֶער צוּ הָאבֶּען אַיין עֶרֶעלֶע טַאלְיֶע, אוֹיף נֶאֱמָנוֹת.

— זֶעהסְט, זָאגְט דינה: מִיט דִיא שְׁטָאלֶענֶע קָארְסֶעטֶען אוּנ מִיט דִיא קַאפְּלֶעס בִּין אִיךְ מַסְכִּים, — אָבֶּער אוּמְזִיסְטֶע קָארְסֶעטֶען זָאל גָאט אוֹיסְהִיטֶען!... מִיט וָואס וֶועט זִיךְ יֶעמָאלְט אוֹיס צַייכְנֶען אַבַּייבֶע מַיידֶעל פוּן אַיין אָרֶעמֶע? אַט צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַט אִיצְטֶער, וֶוען דבורקה, מַיין קוּזִינֶע, וָואלְט הָאבֶּען אַזַא קָארְסֶעט וִויא אִיךְ, וָואלְט זִיא דָאךְ אִיהם חַס וְשָׁלוֹם גֶעפֶעלֶען זַיין, אוּנ אִיךְ וָואלְט בְּלַייבֶּען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט. פוּי, דָאס וִויל אִיךְ נִיט.

אַזוֹי רַיידֶענְדִיג הָאט זִיךְ דינה אָנְגֶעצוֹיגֶען וִויא עֶס גֶעהֶערְט צוּ זַיין אוּנ זִיא אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיהר מוּטְטֶער צוּ גֶעהֶען אִיבֶּער נֶעהמֶען דֶעם פָּאר נֶעהמֶען גַאסְט, וֶועלְכֶער דַארְף זַיין אִיהר חָתָן, כַּאלְד קוּמְט אָן דֶער צוּג פוּן אוֹיסְלַאנְד.

# 6.

דִיא מוּטְטֶער הָאט גֶעווֶעלְט נֶעהמֶען אַיין אִיזְוָואשְׁצִיק; נָאר דינה זָאגְט: דָאס וֶועטְטֶער אִיז שֵׁיין, מֶען קֶען זִיךְ דוּרךְ גֶעהֶען אַבִּיסֶל שְׁפַּאצִירֶען בִּיז דֶעם בַּאנְהָאף; עֶס אִיז נִיט וַוייט. גָאר מִיר קֶענֶען פֶערְשְׁטֶעהֶען, זִיא הָאט נִיט גֶעווֶעלְט נֶעהמֶען אַיין אִיזְשְׁוָואשְׁצִיק, וַוייל דֶער קָארְסֶעט הָאט אִיהר נִיט גֶעלָאזְט זִיטְצֶען.

זייא זיינען אוועק געגאנגען . זייא זיינען דורך געגאנגען זייער גאס , און זיינען ארויס אויף דיא גרויסע גאס , וואס פיהרט צום באהנהאף .

פלוצלונג גיט דינה אן געשרייא : אוי ! און גיט זיך א חאפ פאר'ן הארצען . דיא מוטטער רופט איהר צוריק אהיים ; זיא קען אבער ניט געהען , און אויף אדראשקע קען זיא זיך ניט זעטצען . זיא האט זיך אראבגעלאזען פון איהרע פיס . עס האבען זיך גענומען קלייבען מענשען . דען דאס וועטטער וואר שיין ; יעדער איז גערן , אז עס מאכט זיך וואס אונגעוואהנליכעס , וואס אינטערעסירט דעם ליידיגגעהער . דיא טאלפא מענשען ווערט גרעסער און גרעסער . דיא מוטטער ווייס ניט וואס צו טאן . דינהן האט גענומען שלאגען שאום פון מויל . אטהמט שווער . דיא אויגען איז איהר געווארען ארויס געשפארט , גלאטשט הין און הער .

— לויפט צום דאקטאר ! שרייט מען פון דער מענשענמענגע .

— לויפט אין אפטייק ! שרייען אנדערע .

— וואס קען דא זיין ? וואס איז איהר געשעהען ?

— וואס האט זיא היינט געגעסען ?

— זיא האט געמוזט האבען א שרעק .

— וואס זייט איהר פאר משוגעים ! שרייט איינער . וואס פאר שטייט איהר ניט , וואס דא איז ? איהר זעהט ניט , וויא זיא איז צו זאמען געפרעסט און איהר קארסעט וויא אין קלעשצעס ?

— יע יע , פאר צווייא וואכען האט א ווייבעל מפל געווען איבער איהר קארסעט .

— וואס איז פאר א נייס ! וויא פיל פעהל געבורטען טרעפט דאס אללע יאהר אלץ איבער דיא פערפלוכטע קארסעטען !

— אפשר וויל דיזע אויך מפיל זיין ?

— דאס איז אפריילין.

— נו וויל זיא מפיל זיין איהר נשמה, ענטפערט איינער אשפאס פאנעל. עס געפעלט זייא ניט, וויא גאטט האט זייא בעשאפפען; זייא ווילען זיך אלץ מאכען אנדערס. אט ווערען זייא, קורץ אונ גוט, פטור פון זייער נשמה. קומט אהער, ווייבלעך, מיידלעך! נעהמט זיך אראב אמוסר. לאז דאס אייך זיין פאר אלעהרע וואס איהר ווילט אויסבעסערן גאטטעס ארבייט.

דער ווילע אונטער דער צייט, וואס דיא מענשען ארום האבען דא גערעדט אונ זיך לוסטיג געמאכט, איז דיא מוטטער געשטאנען אונ האט געבראכען דיא הענד. זיא ווייס ניט, וואס צו טאן. דינה איז געלעגען אפען טראטואר האלב זיטצענדיג אנגעשטיטצט אן וואנד פון דער דערבייאיגע הויז. זיא קען אוואורט ניט ארויס ריידען. עס האט איהר שוין אנגעהויבען צו קראמפפען.

דער ווילע האט אימיצער געבראכט אדאקטער, וועלכער האט געוואוהנט דער בייא אויף דער זעלבע גאס.

— וואס שטייט איהר אללע ארום, וויא דיא גולמס? שרייט דער דאקטער אין כעס. איהר זעהט דאך, זיא שטארבט פון איהר קארסעט.

— וואס זאלען מיר טאן? מיר זיינען דאך ניט קיין דאקטורים, ענטפערן אייניגע.

— איך וועל אייך ווייזען, וואס מען קען טאן. זאגט ער, אונ מיט דיא רייד האט ער ארויסגענומען אקליין מעסערל פון קעסינע, האט האסטיג אשניטט געטאן איהר זיידנעם קלייד פון אונטער דיא ארעמס. עס האט זיך ארויס געזעהען דער געבענסטער

קָארְסֶעט. עֶר הָאט דֶעם קָארְסֶעט אוֹיךְ אַשְׁנִיטט גֶעטָאן; דֶען דִיא שְׁנוּר, דִיא דְרָאהט שְׁטְרִיק לָאזְט זִיךְ נִיט אַזוֹי לַייכְט שְׁנַיידֶען; נָאךְ דֶעם הָאט עֶר מִיט דִיא הֶענְד אִיהם פַאנַאנְדֶער גֶערִיסֶען אִין גַאנְצֶען. דינה הָאט גֶעעֶפְנְט דִיא אוֹיגֶען, הָאט גֶענֶעבֶען אַלַאנְגֶען זִיפְץ אוּנ הָאט פְרַייא אוֹיפְגֶעאַטְהמֶט:

— וַואסְסֶער, וַואסְסֶער! הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן, אַבִּיסְל וַואסֶער וֶועט אִיהר יֶעטְצְט עֶרְקְוִויקֶען.

מֶען אִיז אַוֶועק גֶעלָאפֶען נָאךְ וַואסְסֶער. דִיא טָאלְפַּא שְׁטֵייט אַרוּם אוּנ קוּקְט מִיט גֶעשְׁפַּאנְטֶער נַייגִירְדֶע אוֹיף דִיזֶע זֶעלְטְזַאמֶע סְצֶענֶע.

דֶער וַוייֶלֶע הָאבֶען אָנְגֶעהֵייבֶען צוּ פָאהרֶען אִיזְוָואשְׁצִיקֶעס פוּן בַּאהנְהָאף; דֶער צוּג אִיז שוֹין אָנְגֶעקוּמֶען. אַנְדֶערֶע פַּאסַאזִירֶע, וֶועלְכֶע הָאבֶען קֵיינֶע גֶעפֶּעק, גֶעהֶען אַרָאבּ צוּ פוּס. דִיזֶע אַלְלֶע קֶעהרֶען אָבּ דִיא קָאפְּ אַקוּק טָאן אוֹיף דִיא טָאלְפַּא, וֶועלְכֶע זַייא בֶּעגֶעגְנֶען דָא אַפֶּען גַאס.

אוּנְטֶער דִיא אַלְלֶע, וֶועלְכֶע גֵייעֶן אַרָאבּ פוּן בַּאהנְהָאף, אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיוּנְגֶער מַאן גֶעאַרְמְט מִיט אַיין פְרֵייליין. עֶר טְרָאגְט אַצִילִינְדֶער הוּט מִיט פַּאנְסְנֶע, מִיט אַרַייזֶענְטַאשׁ אַרִיבֶּער גֶעוָוארְפֶען אִיבֶּער דִיא שׁוּלְטֶערְן. דָאס פְרַיילֵיין אִיז זֶעהר שֵׁיין, אֵיינְפַאךְ אָבֶּער גֶעשְׁמַאק פָאלל גֶעקְלֵיידֶעט. טְרָאגְט אַוָואלֶענֶעס קְלֵייד מִיט אַמַאנְטֶעלֶעטט אִיבֶּער דִיא שׁוּלְטֶערְן. זֵייא קוּקֶען זִיךְ אוֹיף אַיינְאַנְדֶער, שְׁמֵייכְלֶען זֶעהר לִיבְּלִיךְ אוּנ עֶס אִיז צוּ זֶעהֶען, זֵייא זַיינֶען זֶעהר צוּ פְרִידֶען פוּן אַיינְאַנְדֶער.

וִויא זֵייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶער טָאלְפַּא, הָאבֶען זֵייא זִיךְ אָבּ גֶעשְׁטֶעלְלט, אוּנ פְרֶעגֶען: וָואס אִיז דָא פַאר אַגֶעשִׁיכְטֶע?

— אַפְרֵיילַיין הָאט גֶעוֶועלְט מַפִּיל זַיין, זָאגְט אֵיינֶער אַשׁוּטְנִיק (אַשְׁפַּאס פָאגֶעל).

— זִיא הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁפַּארְט דִיא נְשָׁמָה מִיט אִיהר קָארְסֶעט, זָאגְט נָאךְ אֵיינֶער.

— זִיא הָאט גֶעמַאכְט דִיא גַאס פַּאר אַשְׁלָאפְצִימֶער, זָאגְט אַדְרִיטְטֶער. זֶעהט וִויא זִיא לִיגְט אַפֶען טְרָאטוּאַר רֶעכְט גֶענְלִיזֶע.

— אָ, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער דינה, סאל'מאן! זָאגְט דָאס פְרֵיילַיין, וֶועלְכֶע וַואר אוּנְזֶער בֶּעקַאנְטֶע דבורה, אוּנ עֶר אִיז דָאס דֶער פִּיל עֶרְוַוארְטֶעטֶער גַאסְט. זִיא אִיז אַוֶועק פְרִיעֶר אַפֶען וַואגְזַאל, וִויא סאלימאן הָאט אִיהר גֶעשְׁרִיבֶּען אִין זַיין טֶעלֶעגְרַאמֶע. זִיא הָאט זִיךְ מִיט אִיהם גֶעטְרָאפֶען, הָאבֶּען זִיךְ פְרֵיינְדְלִיךְ בֶּעגְרִיסְט. עֶר הָאט אִיהר גֶענוּמֶען אוּנְטֶער דִיא אַרְמֶען אוּנ אִיז מִיט אִיהר אַרָאבּ צוּ פוּס. הִינְטֶען אִיז זַייא נָאךְ גֶעפָאהרֶען אֵיין אִיזְוָואשְׁצִיק מִיט זַיינֶע גֶעפֶּאק.

וִויא סאלימאן הָאט דֶער הֶערְט דֶעם נָאמֶען דינה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַוֶועג דוּרְךְ דִיא טָאלְפַּא אוּנ אִיז צוּ גֶעקוּמֶען נֶעהֶענְטֶער. עֶר זֶעהֶעט, דינה לִיגְט זִיצֶענְדִיג אַפֶען טְרָאטוּאַר, אִיהר קְלֵייד פַּאנַאנְדֶער גֶערִיסֶען, אִיהר קָארְסֶעט פַּאנַאנְדֶער גֶערִיסֶען, בֵּיידֶע הַאלְבֶּע הֵיינְגֶען אַרָאבּ אִיהר פוּן בֵּיידֶע זֵייטֶען; עֶס זֶעהֶעט זִיךְ אַרוֹיס דָאס הֶעמְד מִיט דִיא קְרוּזֶעוֶוע. דֶער בַּייא שְׁטֶעהט דֶער דָאקְטֶער פוּן אֵיין זַייט, דִיא מוּטְטֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. דינה טְרִינְקְט עֶרְשְׁט אַבִּיסְל וַואסֶער, וָואס מֶען הָאט אִיהר עֶרְשְׁט גֶעבְּרַאכְט אִין אַגְלָאז.

— וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁעהֶען, מוּמֶע? פְרֶעגְט סאלימאן אִין הַאסְט צוּ גֶעהֶענְדִיג מִיט דבורה'ן גֶעאַרֶעמְט.

— הַא , סאלימאן ! גִיט דִיא מוּטְטֶער אַנָעשְׁרֵייא .

— אַיי ! אַיי ! גִיט דינה אַגְעשְׁרֵייא דֶער הֶערֶענְדִיג דָעם נָאמֶען . דָאס גְלָאז אִיז אִיהר אַרוּיס גֶעפַאלְלֶען פוּן הַאנְד , זִיא הָאט מִיט דִיא הֶענְד צוּ גֶעדֶעקְט דָאס גֶעזִיכְט .

סאלימאן הָאט אִיהר גֶעזֶעהֶען אִין אַזַא צוּ שְׁטַאנְד .
דָער אַנְדֶער אוּדַאר אִיז פַאר אִיהר נִיט וֵויינִיגֶער שְׁרֶעקְלִיךְ וִויא דָער עֶרְשְׁטֶער .
מֶען הָאט אִיהר גְלַייךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוֹיף אַדְרָאשְׁקֶע .
דִיא מוּטְטֶער אִיז מִיט אִיהר אַוֶועק גֶעפָאהרֶען אַהֵיים .
סאלימאן אוּנ דבורה זַיינָען זִיךְ אַוֶעק גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער גֶעאַרֶעמְט בִּיז זַיין קְוַארְטִיר , וָואס עֶר הָאט אָבְּגֶענוּמֶען אִין הָאטֶעל פַּארִיז .

עֶר הָאט גְלַייךְ אַרִיבֶּער גֶעשִׁיקְט נָאךְ דבורהס מוּטְטֶער . מֶען הָאט אוֹיפְגֶעטְרָאגֶען אַזִידֶענְדֶען סַאמָאוַואר אוּנ זַייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר גִימְלִיךְ פֶערְבְּרַאכְט בַּייא אַפָּאר שְׁטוּנְדֶען .
עֶר הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט דֶעם לָאקַייא מִיט זַיין קַארְטֶע נָאךְ פְרֶעגֶען , וִויא בֶּעפִינְדֶעט זִיךְ דינה אוּנ וֶוען קֶען עֶר הָאבֶּען דָאס פֶערְגֶענִיגֶען זַייא זַיין וִויזִיט אָב צוּ שְׁטַאטְטֶען . מֶען הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט , אַז מֶען וֶועט אִיהם לָאזֶען וִויסֶען . אַלְזָא דַארְף עֶר נָאךְ וַוארְטֶען .

זַייא וִוידֶער הָאבֶּען זִיךְ אִיבֶּערְלֶעגְט אַזוֹי : סאלימאן אִיז אַגוּטֶער נַאכְט , וֶוען ? אַז עֶר זָאל וֶועלֶען הֵייַראטְהֶען דינהן , וִויא זַייא הָאבֶּען פְרִיעֶר גֶערֶעכִינְט , אַז נָאר זִיא אִיז אַפַּאסֶענְדֶע פַּארְטִיע פַאר אִיהם . אִיצְטֶער אָבֶּער אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַזוֹי אַיין אוּנְגְלִיק אוּנ עֶר הָאט דָאס אַלֵיין גֶעזֶעהֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען , קֶען גֶעוִויס זַיין . אַז עֶר זָאל אִיהר יֶעטְצְט נִיט וֶועלֶען , — דַאן אִיז גְרַייכֶער , עֶר זָאל

זַייא שׁוין בֶּעסֶער גָאר נִיט בֶּעזוּכֶען, אוּנ עֶס זָאל זַיין וִויא פַאר אַיְאהרֶען אִיז גֶעוֶועזֶען. אַלְזָא דַארְף מֶען דִיא זַאךְ שְׁטֶעלְלֶען אוֹיף דֶער פְּרָאבֶּע.

בַּאלְד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ סאלימאן אַשַׁדְכָן (אוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט פוּן זַייא). דִיזֶער הָאט אִיהם פָארְגֶעשְׁלָאגֶען אַפַּארְטִיע פוּן גְלַייכֶען יְחוּס מִיט אִיהם, מִיט אַשַׁיינֶע מֵיידֶעל אוּנ מִיט פִינְף טוֹיזֶענְד רוּבּל נַדַן. עֶר הָאט אִיהם גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר הָאט שׁוין אַכַּלָה, דָאס אִיז זַיין קוּזִינֶע דבורה, וֶועלְכֶע זִיטְצְט יֶעטְצְט בַּייא אִיהם מִיט אִיהר מוּטְטֶער; גֶעלְד פֶערְלַאנְגְט עֶר נִיט, דָאס הָאט עֶר אַלֵיין גֶענוּג. זִיא גֶעפֶעלְט אִיהם בֶּעסֶער פַאר יֶענֶע עֶלֶעגַאנְטֶע פְּרֵיילִינְס, וֶועלְכֶע גֶעפֶעלְט נִיט, וִויא גָאטְט הָאט זַייא בֶּעשַׁאפְּפֶען, אוּנ זַייא מַאכֶען זִיךְ אִיבֶּער אוּנ אִיזְאוּרָאדָאוֶועןְ, וִויא זַייא ווִילְט זִיךְ:

דֶער שַׁדְכָן אִיז אַזֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט זַייא אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען זַיינֶע רֵייד. זַייא הָאבֶּען שׁוין מֶעהר נָאךְ אִיהם נִיט גֶעשִׁיקְט, אוּנ דִיא פַּארְטִיע פוּן דינהן מִיט סאלימאן אִיז מֶעהר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אַחָלוּם.

דינה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּייא אִיהר פַאנַאנְדֶער גֶערִיסֶענֶעם קָארְסֶעט מִיט דֶער דְרָאהט-שְׁטְרִיקְל.

## עטליכע סגולות נייטיגע:

א) ווען א מיידעל, אדער א ווייבל, וויל צו שארען דאקטורים אונ אפטייקארעס פרנסה, — זאל זיא פאר ציהען איהר קארסעט וואס ענגער;

ג) ווען א מיידעל וויל לאזען איהר פאטער ירושה איהרע נבן אונ אויסשטייער, וואס ער האט אנגעגרייט פאר איהר, — זאל זיא שטארק איינציהען איהר קארסעט;

ד) ווען א ווייביל וויל דיא זעלבע לאזען ירושה איהר מאן, — זאל זיא טראגען איין ענגען קארסעט;

ה) ווער עס וויל שמינקען איהר געזיכט דונקער רויט איהרע באקען, בלא אונטער דיא אויגען, געלב דעם שפיטץ נאז אונ שווארץ די ליפפען, — זאל פעסט איינציהען דיא שנור פון איהר קארסעט:

ו) ווער עס וויל וויסען דעם טעם פון אשניידונג אין דיא געדערים, — זאל טראגען איין איינגען קארסעט;

ז) ווער עס וויל וויסען וואס איז דאס אקוועטשונג אונטערן הארצען, — זאל שטארק איינציהען איהר קארסעט;

ח) ווער עס וויל זיין אקליינער בעל הוצאה אויף עסען, — זאל טראגען וואס ענגער איהר קארסעט.

## הִתְנַצְּלוּת .

— הֶערְרֶען קָארְסֶעטֶענְמַאכֶער ! הֶערְר דָאקְטוֹרִים אוּנ אַפְּטֵייקֶערֶעס ! אִיךְ בֶּעט אַייךְ , אִיהר זָאלְט אוֹיף מִיר קַיין פַאראִיבֶל נִיט הָאבֶּען , וָואס אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען דִיזֶעס קְלֵיין מוּסָר-סֵפֶרְל . אִיהר מוּזְט דָאךְ אַוַדַאי מֵיינֶען , אַז גְלַייךְ וִויא דִיזֶעס בִּיכִיל עֶרְשַׁיינְט , וֶועט אִיהר דַארְפֶען צוּ מַאכֶען אַייעֶרֶע קָארְסֶעטֶען מַאגַאזִינֶען , אוּנ אִיהר אֶרְצְטֶע וֶועט אוֹיפְהֶערֶען צוּ לַייזֶען פַאר חַארְצְקָוֶועטְשֶׁענֶעס , פַר גֶעדֶערִים-שְׁנַיידֶענֶעס , פַאר זַייטֶענְשְׁטֶעכֶענֶעס אוּנ נָאךְ פַאר אַנְדֶערֶע חֲלָאִים רָעִים וְנֶאֱמָנִים , וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִיא לְבּ חַארְצִיגֶע קָארְסֶעטֶען , — זָאלְט אִיהר זִיךְ נִיט שְׁרֶעקִין , מַיינֶע לִיבֶּע פְרַיינְד ! דִיא וֶועלְט אִיז אַוֶועלְט : מֶען וֶועט קוֹיפֶען קָארְסֶעטֶען וִויא גֶעוֶוען ; מֶען וֶועט זִיךְ אַיינְצִיהֶען מִיט דְרָאהטְשְׁטְרִיקְלִיךְ וִויא גֶעוֶוען ; מֶען וֶועט לוֹיפֶען נָאכְדֶעם צוּ דִיא דָאקְטוֹרִים אוּנ אִין דִיא אַפְּטֵייקֶען נָאר וִויא גֶעוֶוען . הַכְּלָל , בְּרִידֶער , דִיא וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען אַוֶועלְט אוּנ וֶועט זַיין אַוֶועלְט ! .

(ז־ער קארסעט)